# ספר

# אימוץ הניקור

בו יבואר הלכות ניקור מחלק הפנים ומאברים הפנימיים. ומחובר לזה אזהרות השייכים להזובחים ולכל העוסקים במלאכת הניקור. אשר העתקתי מש״ע ואחרונים ז״ל. וכדי שתהא דבר השוה לכל נפש העתקתי דבריהם בלשון עברי טייטש למען יוכלו כל העוסקים בענינים אלו לקרות ולהבין כל הכתוב בו כדי לידע איך להתנהג. וגם לבעה״ב יצמח מזה תועלת רב. כי יש הרבה בעה״ב קונים אברים הפנימיים בלי ניקור ובני ביתם מנקרים אותם. ויש נותנים לנשים אחרות לנקר וסומכים עליהם. ומספר זה ידעו אם יצאו ידי חובתן ואם עשו המנקרות כדת וכהלכה. וגם יש בכאן כמה אזהרות אשר גם הבעה״ב צריכים לידע מהם להזהר שיכנסו לפיהם מאכלים טהורים וכשרים עצהיו״ט.

כדי מזכה הרבים צו זיין האָבען מיר איבער געזעצט דעם ס ד ר ה נ י ק ו ר אויף עברי טייטש דאָס יעדער זאָל קאָנען פאַרשטעהן.


המאסף והמסדר

## אהרן סג״ל לנדא

מעיר קריסניפאלע



שנת תרצ״ז לפ״ק

המוציא לאור

אברהם משולם ב״ר ש״י ז״ל אלטשטאדט

לבוב, פורמיינסקא 1.

# לוח המפתחות

| | |
|---|---|
| סעיף א' קאָפּף | סעיף ט"ו מאָגין |
| " ב' האַלז | " ט"ז דינע קישקעליך |
| " ג' ברוסטין | " י"ז מנוסע |
| " ד' פלאַנקין | " י"ח שאָפינע מנוססע |
| " ה' ריפין | " י"ט גראַש |
| " ו' פליצע | " כ' קיטניצע |
| " ז' לינג | " כ"א שאָפינע קיטניצע |
| " ח' האַרץ | " כ"ב ביצי זכר |
| " ט' רויט פליש | " כ"ג ספאָדע-פעטס |
| " י' לעהבער | " כ"ד אַטער |
| " י"א מילץ | " כ"ה אונטער אַטער |
| " י"ב וואַמפ | " כ"ו ווידיל |
| " י"ג טשעפטשיך | " כ"ז פיס |
| " י"ך קנעע | |

## איסור השגת גבול ידוע.

## מודעה

כל מי שרוצה לדפוס איזה ספר יפנה אלי ואשרתהו על צד היותר טוב, הן בדפוס והן בהגהה ויפיק רצון טוב.
המו"ל.

# הקדמה

שלמה המלך עליו השלום אמר בקהלת כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה. הנה אספתי וקבצתי ולקטתי ממקומות מפוזרים מרבותינו הראשונים והאחרונים ז"ל בעיון רב כל הדברים הנוגעים למלאכת הניקור מחלק הפנים ומאברים הפנימיים וגם הדברים הצריכין זהירות וזריזות רב מזובחי הזבח וכל העוסקים בזה. וכדי שתהא דבר השוה לכל נפש העתקתי דבריהם ז"ל בביאור לשון עברי טייטש כדי שיוכלו להבין בניקל כל הקצבים והעוסקים בזה, כי יש בהם אנשים פשוטים שאינם בני תורה ואין ביכולתם ללמוד בספרים הדינים הצריכים להם ובפרט בניקור המעיים והקיבה שידי הנשים ממששמים בהם.

וגם ראתה עיני בכמה עיירות שמזלזלין בזה לא משום שהם קלים ח"ו, כי כל ישראל כשרים הן. אלא מפני מיעוט ידיעתם שאינם יודעים בטוב דינים אלו ואינם מכירים·את·חומר·האיסור הרובץ·על זה.

ע"כ כתבתי סדר הניקור הזה על לשון עברי טייטש כדי לזכות את הרבים למען ידעו ויבינו העוסקים בזה הדינים וההלכות שלא יצא ח"ו דבר שאינו מתוקן מתחת ידם.

ומפני שידעתי מיעוט ערכי אשר בין הלומדים לא נחשבתי ויראתי פן נלכדתי ח"ו באיזה הלכה אעפ"י שלא חדשתי דבר מלבי ולא עשיתי פה מאומה רק העתקתי הדברים השייכים לסדר הניקור כתלמיד הכותב דבריו של רבו אעפ"כ יראתי פן ואולי טעיתי ח"ו באיזה דבר שלא העתקתיו כדת וכהלכה. לזאת הראיתי ספרי זה לפני תלמידי חכמים המורים המובהקים מגלילותינו. ואחר עיונם בהכתבים הוטבו בעיניהם והסכימו לי להדפיסם ומה שלא הדפסתי את הסכמתם יש לי טעם כמוס על זה.

וסדרתי הכל על סימני הסעיפים ורשמתי בסוף הספר מראה מקומות מפוסקים ש"ע ואחרונים ז"ל אשר מימיהם אנו שותין, כדי שכל מי שירצה לעיין ולידע אם העתקתי כהלכה יוכל לחפש עפ"י א"ב מהסעיפים באותו האות השייך לענין ההוא.

ואודה להש"י אשר חנני בעזרתו יתברך ונתן בי כח לחפש וללקט מספרים קדושים הדינים הנצרכים לענין זה אשר זה כמה שנים אשר נתתי את לבי לתור ולדרוש בענינים אלו כידוע למכירין אותי, ועל זה אמרו חז"ל יגעתי ומצאתי תאמין. ואבקש מן המורים שיתלבשו במדת הענוה שהיא אחת ממ"ח דברים שהתורה נקנית בהם שיעיינו בזה הספר של עברי טייטש ויבינו התועלת הגדול הנצמח מזה.

ויזרזו את הקצבים להיות ספר זה בידם לכלי אומנתם ויקראו בהסעיפים מראשיתם עד אחריתם למען יהי' שגור על שפתם וישמרו ככל הכתוב בו לתועלתם ולכשרותם.

וקראתי שם ספרי זה „אימוץ הניקור" להיות שכתוב בתוה"ק רק חזק לבלתי אכול הדם, הרי שאיסור דם צריך חיזוק ואימוץ לפרוש ממנו. וכן הדין באיסור חלב שעונשן ואזהרתן שוה.

וגם יהי' לי למזכרת כי בתיבת אימוץ רמוז שמי ושם אבי ז"ל. וזכות הספרים הקדושים אשר העתקתי מהם, יגן עלינו שנזכה לילך בעקבותיהם ושיכנסו תמיד לתוך מעינו מאכלים טהורים וכשרים עצהיו"ט ויהי' ד' אלקינו עמנו כאשר הי' עם אבותינו ונזכה לגאולה שלימה בב"א.

ממני המסדר

**אהרן ב"ר משה צבי הלוי ז"ל.**

# ספר אימוץ הניקור

# הלכות ניקור
## בלשון עברי טייטש

### סעיף א׳
### ניקור הראש (קאפף)

מען נעמט אַרויס דיא גֶעהִירין און מען נעמט אַראָב דיא הויט פון זייא דער נאָך נעמט מען אַראָב די הויט, וועלכע איז באַהעפט צום שאַרבין, וואָס דיא געהירין ליגען אין איהם.

אָ טהייל מענשין האַקען אַוועק דעם ביין מיט דער הויט ווייל עס האַט אַ קליינעם ווערט. דאַן צישפאַלט מען דעם קאַפף און מען נעמט דיא קין באַקין אין דער האַנד, און אויסשניידצן דיא אָדערין פוןביידע זייטען פון דער צינג ביז צי דער שלינד אויף יעדער זייט צוויי אָדערין אַרויס צי נעמין. און אויס שניידען די דעק פון דעם גאָרזעל ביים גימען, דאָס רופט מען צעפיל. און דאָס האַטעל פון ווישט נעהבין צעפיל ווייל עס איז מיט ליחות איז דאָס מיאוס און נעהבין דער צינג איז פעריהאַן צוויי טרפה׳נע ביינדליך זאָל מען זייא אויס שניידען. און אַב שניידען דעם שפיטץ פון דער צינג כדי דאָס בלוט זאָל ביים זאַלצין קענען אָב גיין. און אויף שניידען דעם ווישט אין דעם גאָרגעל און דער לענג ווייל עס איז דאָרט דאָ פערגליווערט דם און אויס שניידען דיא אָדערין אונטער דיא אויערין.

## ב'

# ניקור מקום שחיטה (האַלז)

מוז מען פוןביידע זייטען צי צוויי אָדערין אַרויס נעמין, איינע ליגט פין אויווין און איינע אין פלייש. אסורין משום דם.

## ג'

# ניקור החזות (ברוסטין)

דאָס ווערט ציטהיילט אויף צוויי זייטען אין בייא דעם רויטען פלייש וואָס עס איז נעהבין דער ברוסט נעמט מען אַרויס אַגעטאָפעלטען אָדער. איינער אַ רויטער אין איינער אַ ווייסער. דאַרף מען גוט אָכטונג געבין מען זאָל זיי ביידע אַרויסנעמין, ווייל עס איז דאָ אַ דעה, אַז דער ווייסער אָדער איז אָסור משום חֵלב.

בעססער איז מען זאָל נעמין פין דעם עק פין דעם האַלז וועט זיך נישט אָב רייסען. אין זייא וועלין זיך ביידע אין איינעם אַרויס נעמין.

## ד'

# ניקור הכסלים (פלאַנקין)

מען הייבט אָן פון דעם אָרט וואָס דער געטאָפעלטער אָדער פין דער ברוסט לאָזט זיך אויס. און מען שיילט אַראָב אַ גראָבע ווייסע הויט אין וואָס עס שלעפט זיך מיט מיט דער הויט איז עס אסור משום חלב. אין אונטער דער הויט איז דאָ אַ דינע הויט איז אויך אסור. אין אַזוי ווי מען ציהט דיא הויט הייבט זיך אָן די ווייסע מראה איז גוט איינציישניידען מיט דעם מעססער אין אַנהויב פין דער ווייסער מראה נעמין זיך די ביידע הויטען איניאיינעם, זעהט מען שוין אַרויס דאָס פעטס פין די פלאַנקין. אויף אַ טהייל ערטער קראַצט מען אָב דאָס פעטס פין די פלאַנקין אין אויף אַ טהייל ערטער קראַצט מען נישט אָב, נאָר בייא אַ טוזעהפעלע דאַרף מען גוט אָב קראַצען דעם חלב וואָס איז אונטער דער הויט. דאַן דאַרף מען אויס שניידען צוויי ווייכע ווייסע ביינדליך פין די צוויי עקין פין די פלאַנקין.

אויף אַ טהייל ערטער נעמט מען אַרויס איין אָדער וואָס ליגט אין דיא פלאַנקין. דאָס גיוועגט זיך אין מנהג פין דעם אָרט.

# אימוץ הניקור ד

דאָס פעטס וואָס מען נעמט מיט, מיט דער פאַכווי ווען מען שיילט זיא אָב פאַר דעם אָבשטעכין דאַרף מען דיא אָדערין פין דעם פאַכווי פעטס אויס טרייבערין.

דאָס רויט פלייש וואָס עס בלייבט אויף דער זייט נעבין דער הויט פיי דיא פלאַנקין דאַרף מען אַראָב נעמין דיא הויט, וואָס זיא געהט צו דער לעהבער.

## ה׳

# ניקור הצלעות (ריפּיז)

דאַרף מען אַרויס נעמין פין דיא דריי עקסטע ריפּין דיא געטאפּעלטע אָדערין. מען דאַרף אַכטונג געבין מען זאָל דעם אָדער אַרויס נעמין פין דעם ווינקעלע ביים ריפּין פלייש ביים גאַנצין ביין. אין דיא שפּיטצען פין דיא אָדערין ציהען זיך אַריין אין די פלאַנקען. וואַרומעהייט ציהען זייא זיך גוט אַרויס פין די פלאַנקען. ווען מען לאָזט איבער צו דער זייט פלייש וועהניגער וויא צוועלף ריפּין דאַרף מען גאָר צוויי ריפּין טרייבערין.

## ו׳

# ניקור הכתף (פּלייצע)

מען טהיילט אָב פין דער זייט פלייש די פלייצע דאָרט געפינט זיך דריי אברים. דאָס אבר וואָס עס איז באַהעפט צו דער זייט הייסט פלייצע. דאָס צווייטע הייסט רעהר. דאָס דריטע נעהבין דעם פיס הייסט האַנד. הייבט מען אָן פין דער פלייצע אַרוס צו נעמין דעם גראָבין אָדער מיט די וואָס ציהען זיך נעהבין דעם אָדער. אין צו געהן מיט דעם מעססער ביז צו דער רעהר אין דאָרט גוט איינשטעכין דאָס מעססער מען זאָל דעם אָדער מיט דעם וואָרציל אַרויס נעמין. אין מען פיהרט דאָס מעססער גלייך בייא דער קאַטשעלקע נעהבין דעם ביין אין מען שנייד אויס דעם אָדער פין דער לענג פין דעם ביין ביי דער קאַטשעלקע פין דער פלייצע געהט איין אָדער אויף דער זייט פלייש דאַרף מען איהם אַרויס נעמין אָדער צו שניידען.

אין אויף דעם אָרט וואָס מען טהיילט אַב דיא פלייצע פין דער זייט פלייש, דאַרף מען איינשטעקין דאָס מעססער אין דעם ריקבראָטען אין אַרויס נעמין דעם שורש פין דעם אָדער מיט אַלע אָדערין וואָס דאָרט געפינט זיך זיי זענען אָסור משום דם.

## ז'

# ניקור הריאה (לינג)

דאַרף מען אויף שניידען די סמפונות דאָס הייסט דיא רעהרליך אין מען וואַרפט אַוועק דעם גנב דאָס איז דיא וורדא אין דעם גאָרגעל מיט דעם וושט שנייד מען אויף אין דער לענג, ווייל עס קאָן זיך דאָרט פאַרהאַלטען פערגליווערט דם. אין דעם עק וושט וואָס איז באַהעפט צו דער וואָמפּ זאָל מען אַ קליין שטיקעל אָב קראַטצען פון דעם חלב פון דער וואָמפּ. קנה הלב דאָס רופט מען שוויטשקי אין די אַלע רעהרליך דאַרף מען אויף שניידען פאַר דעם זאַלצין. זייא זענין ווייסע רעהרליך ביים שמאַלץ.

בריאות הכבשים בייא די שאָפינע לינגין ווען דיא שוחטים זעהן אַ צמקה בייא דיא שפיטצען פון די אומות הייסען זיי בלאַזין געהן אַרויס דינע ווייסע ווערים מי יודע צי זיי געהן אין גאַנצין אַרויס דורך דער בדיקה. ע"כ זאָל מען פרעגין דעם מורה הוראה אַ שאלה וואָס מען זאָל טוען מיט דעם לונגעל.

## ח'

# ניקור הלב (האַרץ)

דאַרף מען אויף שניידען דיא חללים אין אַרויס נעמין דאָס בלוט אין די אינוועהניגסטע אָדערין-אויס שניידען. אין אָב שניידען דיא אויערין. גם אָב צו שניידען דעם שפיטץ פאַר דעם זאַלצין. זכרים לומדי תורה זאָלען נישט עסין קיין האַרץ ווייל מען קען פאַרגעסן הלימוד.

## ט'

# ניקור חצר הכבד (רויט פליישׁ)

מען זאָל אָב שיילען דיא הויט וואָס זיא איז צו דער לעהבער. אויף אַ טהייל ערטער נעמט מען אַראָב דאָס שמאַלץ וואָס איז אונטער דער הויט. דער דין איז נאָר אַז דאָס רויט פלייש איז באַהעפט צו דער זייט פלייש, אָבער אַז עס איז אָב געשניטן מוז מען פון ביידע זייטען אָב שיילען דיא הויט, מען זאָל ח"ו נישט קומען צו קיין טעות. דאָס דינע פון דעם רויט פלייש וואָס מען קען קיין הויט נישט אַראָב נעמין שנייד מען עס גענצליך אַוועק. דעם פידנעריק וואָס ער איז אונטער דיא נירין דאַרף מען נזהר זיין מען זאָל פון איהם גוט דיא הויטען מיט דעם חלב אַראָב נעמין.

# אימוץ הניקור ה

## י׳

## ניקור הכבד (לעהבער)

דאַרף מען אויס שניידען די אָדערין מיט די רעהרליך אין דער זייט פון דער גאַל. אין מיט דער גאַל זאָל מען אויס שניידען דאָס חלב וואָס איז באַהעפט דאָרט. אַ מאָהל געפינט זיך אויף דער דאָס חלב ווייל זי ליגט נעהבין דיא נירין דאַרף מען עס אַראָב נעמין. די לעהבער זאָל מען צי שניידען אויף פיער טהייל פאַרן בראָטען אין דאָס אָרט פון דעם שניט זאָל ליגען אויף די קוילען אין אַזוי לאַנג בראָטין ביז מען זאָל זיא קענין עסין. נאַכן בראָטין מוז מען זיא גוט אָב גיסען אין אַז מען וויל זיא נאָכן בראָטין קאָכין מעג מען.

ווען מען געפינט אין דער לעהבער דריי מעטיליציס הייסט זיא שוין „הוחזקה בתולעים״ דאַרף מען שוין בודק זיין דיא גאַנצע לעהבער אין עפינען די ספקות דאָס הייסט די רעהרליך. אין אַוועק שניידען דאָס אָרט פין די מעטיליציעס.

בהכבשים הזקנים דאָס הייסט בייא עלטערע שאָף געפינט זיך אַ מאָהל אין די לעהבערס מעטיליצעס דאָרט איז נישטאָ קיין שום עצה בודק צי זיין ווייל דיא לעהבער איז זייער קליין וויא באַלד מען וועט וועלין אויס שניידען וועט גאָר נישט בלייבען ע״כ זאָל מען דיא גאַנצער לעהבער נישט נוצען.

## י״א

## ניקור והטחול (מילץ)

זאָל מען אָנהייבען אַראָבצינעמין דיא הויט פין דער גראָבער זייט אין זיא אָבשיילען פין ביידע זייטען. אין מען נעמט אָן דעם אָדער אין מען ציהט איהם אַרויס. ציהען זיך מיט איהם מיט דריי אָדערין. זייא ציהען זיך אין דער דינע זייט פין דער מילץ. מען קענן מיט דיא פינגער פין דער אַנדערע האַנד ווייך מאַכין; די מילץ שלעפט זיך דער אָדער גוט אַרויס מיט אַלע וואָרצלין.

בעסער איז ווען מען טרייבערט זיא ווען זי איז וואַרים אַזוי וויא מען נעמט זיא אַרויס פון דער בהמה. אָבער ווען דער אָדער רייסט זיך איבער מוז מען אויף שניידען דיא מילץ אין אַרויס נעמין דיא וואָרצלין פין דער גאַנצער מילץ. דאָ העלפט נישט קיין פסלען, ווייל דער קרום מיט דעם הוט זענין אסור משום חלב.

אין ווען דיא מילץ איז פערטריקענט איז גוט איינציוויקען זי אין וואַסער. אין ווען זיא איז געפרוירען מוז מען זיא לאָזען אויף געהן פאַר דעם טרייבערין.

פון אויווין בייא דער גראָבער זייט פאַר דעם אָדער געהט אַריין אַ קליין אָדעריל דאַרף מען אויך אויך ג״כ אַרויס נעמין.

# י״ב

# ניקור הכרס (וואמפּ)

דאַרף מען אָב שיילען דיא הויט אין דעם חלב וואָס איז אונטער דער הויט וואָס איז באַהעפט צו דער וואַמפּ אין דיא געטאָפּעלטע ערטער וואָס די וואַמפּ איז איינגעקנייטשט דאַרף מען עפינען דיא קנייטשין אין צי שפרייטען זייא אין אָב רייניגען פין דעם חלב מיט אַ שאַרף מעססער. מען זאָל נישט טרעפין אויף דער וואַמפּ קיין שום צייכען פון קיין חלב. פין דער וואַמפּ געהט אַריין דיא רעי אין טשעפּטשיך אַריין.

# י״ג

# ניקור בית הכוסות (טשעפּטשיר)

דאַרף מען אָב שיילען דיא הויט אין דעם חלב אַפילו אונטער דער הויט וואָס איז באַהעפט צים טשעפּטשיך. אַלעס גוט אָב רייניגען. פין דעם טשעפּטשיך געהט דיא רעי אין דער קנעע אַריין.

# י״ד

# ניקור ההמסס (קנעע)

דאַרף מען דיא הויט אַראָב נעמין און דעם חלב אונטער דער הויט וואָס עס איז באַהעפט צו דער קנעע דאַרף מען גוט אָב רייניגען מען זאָל קיין חלב נישט אָנזעהן. פין דער קנעע געהט דיא רעי אין מאָגין אַריין.

## ט״ו

# ניקור הקיבה (מאגין)

ער איז אַזוי וויא איין בויגען, דיא אייבערשטע זייט הייסט „אקשתא“ אין דיא אַנדערע זייט אין דעם עיגול הייסט „אייתרא“. דאַרף מען דיא הויט פין דעם מאַגין מיט דעם חלב פיןביידע זייטען אראָב נעמין.

אין דעם אָדער וואָס ער שלעפּט זיך מיט פין דעם מאַגין דאַרף מען איהם ארויס ציהען. אַפילו דאָס אָרט וואָס דיא הויט איז באַהעפט צים מאַגין מוז מען זיא מיט כח אָב שיילען. דער חלב פין ביידע זייטען דאַרף זיין גוט אַראָב גענומען מען זאָל נישט אַנזעהן קיין צייכען פין קיין חלב.

ובאם עס הענגט נאָך אַ שטיקעל קישקעלי זאָל מען עס אָב שניידען. אין אַ מאַגין פין אַ קעלביל געפינט מען אַ מאָהל מילך אָדער קעז מוז מען פאַר דעם וויקען אויס גיסען דיא מילך אָדער דעם קעז אין דעם מאַגין גוט אויס שווענקין. פין דעם מאַגין געהט דיא רעי אין די דינע קישקעליך אַריין.

## ט״ז

# ניקור הדקין (דינע קישקעליך)

זייא רינגלין אַרום די הדרא דכנתא דאָס הייסט מגוסע ביז זייא געהן אַריין אין דער סניא דיבי דאָס הייסט וואָלפס קישקע. דאָרט ווערט פערהאַל־טען אין פערהאַרטעוועט דיא רעי וואָס עס געהט פין די קישקעליך ווייל זיא איז פערמאַכט אין איין זייט.

אין פין דער אַנדערע זייט הייבט זיך אָן דיא גראָבע קישקיס וואָס זייא זענין אין מיטען דער קרייס אַרום גערינגעלט ביז זיי געהן אַריין אין דער קיטניצע „היא המעי שיוצא בו הרעי שהיא סוף המעיים“.

אין אייל פין דעם עק קישקעלי וואָס געהט אַרויס פין דעם מאַגין דאַרף מען אַוועק וואַרפין אין דיא וואָלפס קישקע מיט דעם דינעם קישקעלי יואָס עס געהט אריין אין איהר אין דאָס פעטס וואָס עס איז צווישען זייא ביידע וואַרפט מען אַוועק „משום מיאוס ששם מתקשה הרעי“. אין מען נעמט אַראָב די גראַשיצע וואָס זיא ליגט אויף דער מגוסע, מען רופט עס וויס לעבער ווען מען וויל זיא נוטצען מוז מען זיא גוט אָב טרייבערין פין דעם חלב אין איין האַטיל אַראָב נעמין אין מען דאַרף זיא בראָטין אַזוי וויא לעהבער. עס איז אָבער אַ קליינע ווערט וואַרפט מען זיא אַוועק.

## י"ז

# ניקור הדרא דכנתא (מנוסע)

דאַרף מען אָב שיילען אַ הויט פיןביידע זייטען. ווען מען מאַכט כשר אַ גאַנצע מנוסע דאַרף מען אַרויס נעמין דיא גראָבע אָדערין. פין די גרויסע אָדערין ציהען זיך מיט קליינע אָדערין קענן שוין דאָס בלוט בייא דעם זאַלצין אַרויס געהן.

ווען דיא קצבים פערקויפען שטיקלעך פעטס דאַרפין זייא אַכטונג געהבין זייא זאָלען דיא גראָבע אָדערין אַרויס נעמין וויא ווייט מען קען אין דיא איבעריגע אָדערין איינשניידען דאָס בלוט זאָל קענען אַרויס געהן בייא דעם זאַלצין. דער וואָס איז בקי אין דיא אָדערין קענן זיי אַרויס ציהען מען זאָל נישט דאַרפין איינשניידען.

## י"ח

# ניקור הדרא דכנתא מכבשים (שאָפינע מנוסע)

ציהט מען אַרויס וואָרומערהייט דיא קישקעליך בלייבט דער חלב פין דעם עקסטין קישקעלי אויף ד'עער מנוסע.' דאַרף מען אַרום שניידען די מנוסע דיא גרעב פין אַ מטבע אויף דיא ערטער וואָס מען טרייבערט אַ שאָפינע מנוסע נאָר אויף איין זייט ווייל זיא ליגט איינגעלייגט דאַרף מען טרייבערין דיא אויסענוועהניגסטע זייט וואָס די בני מעיים ליגען דאָרט. ובאם מען דער קענט נישט דאַרף מען אויף ביידע זייטען טרייבערין.

בייא עזים ותישים דאָס הייסט ביי אַ ציג אָדער בייא אַ צאָפּ דאַרף מען אויף ביידע זייטען אַראָב נעמין דיא הויט אין דיא אָדערין אַרויס ציהען אַזוי ווי בייא אַ בהמה.

## י"ט

# ניקור הדרא דכנתא דעגל (גראש)

נעמט מען אָוועק דאָס עקסטע קישקעלי וואָס געהט פין דעם מאָגין אין אייל. אין מען נעמט אַראָב דיא גראָשיצע אויך נעמט מען אָוועק דיא וואָלפס קישקע מיט דעם דינעם קישקעלי וואָס עס געהט אַהין אַריין מיט דעם פעטס וואָס עס איז צווישען זייא.

מען זאָל גוט אַכטונג געבין מען זאָל ביי דעם קיטניצקעלי אַראָב נעמין דיא שייד מיט דעם אָדער אין אָב שיילען אַרום אין אַרום די הויט. ביי דער גרעבערע זייט וויא עס קענן זיך שוין דיא הויט נישט שיילן גרינג מוז מען נעמין אַ שאַרף מעססער אין גוט אָב קראַטצען ווייל דאָרט קענן זיך געפינען חלב אויף דער הויט. אין דאָס עקסטע שטיקעל ביי דעם אַרויסגאַנג פין דער רעי זאָל מען אָב שניידען משום מיאוס אין דיא הויט אַראָב נעמין פיןביידע זייטען אין פין די קישקעליך. אין דיא גראָבע אָדערין אַרויס ציהען אָדער אויף שפּאַלטען אין דיא דינע איינשניידען דאָס בלוט זאָל קענען אַרויס געהן בייא דעם זאַלצין.

## כ׳

# ניקור החלחולת היא המעי שיוצא בו הרעי (קיטניצע)

שנייד מען אַראָב דיא שייד מיט דעם אָדער וואָס ליגט אין דער לענג בייא דעם פעטס פין דעי שייד. דער נאָך שיילט מען אַרום אַ הויט. זיא שיילט זיך גוט ביז עס קומט צי דעם עק וואָס דיא רעי געהט דאָרט אַרויס איז שוין שווערער צי שיילען מוז מען מיט אַ שאַרף מעססער אַרום קראַטצען. עס איז אַ מאָהל איף דער הויט אָן געוואָקסען רעכטער חלב דאַרף מען דאָ ביי דער גראָבער זייט גוט אָב טרייבערין אין אַ שטיקעל פין דעם „פי הטבעת״ ביים עק אָב שניידען מחמת מיאוס.

## כ״א

# ניקור החלחולת של הכבשים (שאָפינע קיטניצע)

בייא אַ שאָפינע קיטניצע קומט דאָס פעטס בערגעליך אין נידריגע ערטער אין דאָס האַטעל איז זייער דין איז זעהר שווער אַראָב צי נעמין דיא הויט אין עס זאָל נאָך בלייבען כשר פעטס אונטער דער הויט איז דיא בעסטע עצה אָב צי קראַטצען אַלענג פין איין אייל. אין אין עק פין „פי הטבעת״ אָב שניידען אַ שטיקעל אַז מען וועט אַזוי טוען וועט זיכער דאָס קיטניצקעלי זיין כשר.

# אימוץ הניקור

## כ"ב

## ניקור ביצי זכר (אייער פין א זכר)

שנייד מען עס אויף אין דער לענג נעמט מען אַרויס די ווייכע ביצה פין דיא צווייא הויטען וואָס עס איז איינע אויף דער אַנדערע אין מען וואַרפט די הוטען אַוועק אין מען שנייד אויף דיא ביצה אין מען נעמט אַרויס דעם אָדער.

## כ"ג

## השור במקום הכיס כשנתפטם קורין את השומן „ספאדע פעטס"

נעמט מען אַראָב דיא גראָבע ווייסע הויט אין מען נעמט אַרויס דעם אָדער וואָס ער הייסט „גיד העזוה". דאָס רויטע פלייש אין דיא אייער וואָס עס קען זיך אַ מאָהל געפינען נעמט מען אַרויס. אין דיא דרוזען נעמט מען אַרויס משום מיאוס. אין אַזוי ווי מען שנייד איין מיט'ן מעססער זעהט מען אַלע אָדערין גוט אַרויס צו נעמין.

## כ"ד

## ניקור הכחל (אטער)

מען שנייד פין איהם אָב אַ ווייסע גראָבע הויט אין מען צי שנייד איהם אין דער לענג אין אין דער ברייט. מען דאַרף איהם ציקוועטשין צי דער וואַנד עס זאָל אַרויס געהן דאָס פייכטקייט פין דער מילך. אין אַז מען צי שנייד איהם עטליכע מאָהל אין דער לענג אין אין דער ברייט אין מען קוועטשט אויס דיא מילך מיט דיא הענד איז אויך כשר צים בראָטין. עס איז נישט קיין חילוק צי זיא האָט נאָך ניכט געהאַט קיין קעלביל צי זיא האָט שוין געהאַט איין קעלביל.

## כ"ה

# ניקור השומן שתחת הכחל (אונטער אטער)

נעמט מען אַוועק דיא הויט משום בשר בחלב אין דאָס פעטס פין דער זייט וואָס מען האָט אָב געשניטען פין דעם אָטער זעהט מען אויב עס האָט נאָך אַ מראה פין דעם אָטער שנייד מען עס אַוועק דער נאָך קיועטשט מען גוט מיט דער האַנד דאָס פעטס. אַז עס געהט אַרויס אַביסעל וואַסער אַזוי וויא מילך שנייד מען עס אַוועק ביז מען זעהט נאָר ריין פעטס. דער נאָך נעמט מען אַרויס דיא אָדערין אין דיא דריז וואָס עס איז אַמאָהל דאָ, איז דאָס פעטס כשר.

## כ"ו

# ניקור האלי' (וויידיל)

דאַרף מען אָב קראַטצען דיא אינוויינינגסטע זייט וואָס זיא ליגט צי דער דיהך פין דער בהמה אין מען זאָל נישט איבער לאָזין דאָרט קיין פלייש אין קיין פעטס. אין מען זאָל אַראָב נעמין דיא העכערע ערטער ביז עס זאָל זיין גלייך מיט דיא נידריגע ערטער. אויך דאַרף מען אויף שפּאַלטען דעם וויידיל אין דער לענג אין אַרום נעמין דעם געטאָפּעלטען אָדער ביז צים עק וויידיל.

אַז מען וויל קענן מען איינשניידען אין די גלידער ביז צים אָדער אין מען זאָל מיט דעם שפּיטץ פין דעם מעססער דעם אָדער אַרויס נעמין אָבער מען מוז אים אינגאַנצין אַרויס נעמין ווייל ער איז אסור משום חלב.

דער דין איז נאָר אַז מען נעמט אַראָב דעם וויידיל אָהן פעטס נידריגער פין דער דיהך אָבער אַז מען לאָזט צי צי דעם וויידיל „שומן האלי' דאָס הייסט דאָס פעטס וואָס עס איז נעהבין וויידיל. אויף דעם פעטס איז דאָ חלב וואָס ער איז באַהעפּט זויינס מיט דעם אַנדערין. נאָר אין דער מיטען איז דאָ איין אָדער וואָס ער איז צישפּרייט אַזוי וויא אַ הויט אין דיא מראה איז אַזוי וויא שמאַלץ. דאָס וואָס איז אויף דער הויט איז חלב אין דאָס וואָס איז אונטער דער הויט איז כשר פעטס. דאַרף מען אָב קראַטצען דעם חלב אין דיא הויט דער נאָך איז ערשט דאָס פעטס וואָס עס ליגט צי דער פעל-צי כשר, אין ווייל די הויט איז וויים וויא פעטס דאַרף מען דאָ גוט אַכטונג

געהבין אָב צי שיידען בין טמא לטהור. אין ווען מען דערקענט נישט דעם אָדער וואָס ער איז אַזוי וויא אַ הויט איז דאָ אַ עצה אַראָב צי נעמין דאָס פעטס ביז צי דער האַלבער דריז וועט שוין דאָרט קיין חלב נישט איבער בלייבען.

## כ"ז

# ניקור הרגלים (פיס)

דאַרף מען אָב האַקען די שפיטצען פין די קלאָען פאַר דעם זאַלצען אין מען זאָל אויף שניידען צווישען די קלאָען פין דיא פיס אין אַרויס נעמין דאָס ווייסע דינע פלייש ווייל עס איז מיאוס. אין מען מעג זאַלצין אויף דיא האָר אין דער נאָך אָב סמאַלין

**זה סדר עבודת הניקור מחלק הפנים ומאברים הפנימיים**

**וכל מנקרי הבשר לא יתנו מידם הבשר עד שידעו בבירור שלא נשאר שום איסור ח"ו.**

## מכאן ואילך נסדר הדברים הצריכים זהירות שצריכין ליזהר בהם זובחי הזבח וכל העוסקים בענינים אלו.

---

# א. אזהרה גדולה

מען דארף געווארינט זיין ווען מען צעטהיילט דאס חלק הפנים דאס הייסט פריידיק. פין דעם אחוריים דאס הייסט אונטער טהייל זאל מען שניידען מיט דעם מעססער בייא דעם צוועלפטען ביין אין דאס פלייש וואס עס איז צווישען צוועלפטען ביין ביז צים דרייצענטען ביין געהער אויך צו דעם אונטער טהייל. איבער הויפט דארף מען געווארינט זיין ווען מען שנייד מיט'ן מעססער בייא דער שפאנדרע זאל מען פירין דאס מעססער אין דיא פלאנקין גלייך ביז צו דעם נאפיל. מען זאל ח"ו נישט צו לאזין פין דיא לאטקיס וואס עס איז אונטער דעם נאפיל צים פעדערשטין פלייש ווארום דאס פלייש צווישען צוועלפטען ביין ביז צים דרייטצענטען ביין. אין דאס פלייש פין דיא פלאנקין וואס עס איז נידריגער פין דעם נאפיל געהער עס צום אונטערטהייל. דאס טאר מען נישט נוטצען נאר אין דיא שטעדט וואס עס איז דא א מנקר מומחה וואס ער האט קבלה והעדאה פין מנקרים מומחים אין פין רבנים אז ער קען טרייבערין בשר אחוריים. דארט מעג מען נוטצען ע"י ניקור אבער נאר די מענשין וואס זענין נישט מדקדק אין נוטצען בשר אחוריים ע"י ניקור באופן שהב"ד מהעיר היתר לנקר בשר אחוריים ואם לא היתר אסור לאכול.

דא דארף מען גוט מדקדק זיין ביי דעם אב שטעכין מען זאל ח"ו נישט מכשיל זיין את הרבים באיסור גמור עס איז ממש גלייך וויא מען גיט אונטערשט פלייש אום געטרייבערט. מען זאל נישט קוקען אויף דיא שטעדט וואס עס איז בייא זייא גרינג דיא זאך זייא טוען נישט אזוי דער פאר ווייל זייא זענין קלים ח"ו וייל כל ישראל כשרים הן נאר זייא ווייסען נישט דאס הארבקייט פון דער זאך. א סימן ווען עס טרעפט זיך ביי א קצב א שאלה לויפט ער תיכף פרעגין דעם מורה הוראה, ער קוקט נישט טאמער וועט טרפה ווערין וועט ער אן ווערין געלד. נאר דא ווייסען זייא נישט דעם חומר הדבר, ע"כ דארף מען געווארינט זיין מען זאל טיען דיא מלאכה מיט יראת-שמים.

## אזהרה ב'

אויב עס איז דא אין א בהמה מעהר וויא דרייטצען ריפין. אויב דער פערצענטער ביין איז קלענער וויא דער דרייצענטער ביין דארף מען צו לאזין צים אונטערטהייל צווי ריפין. אבער אז דער פערצענטער ביין איז גלייך

גריס וויא דער דרייצענטער בּיין זאָל מען פרעגין דעם מורה הוראה אַ שאלה וויא אַזוי מען זאָל אָב שטעבין, ווייל דאָ דאַרף מען מדקדק זיין וויא דער בּיין שטייט לויט דאָס רויט פלייש דאַרף עס האָבין אַ שאלת חכם.

## אזהרה ג׳

אין איין בן פקועה דאַרף מען אַרויס נעמין די בּלוטיגע אָדערין אַזוי וויא בּייא איין קעלביל. אין פעדערשטין טהייל זענין דיא קצבים בקי וועלכע אָדערין זענין אסור משום דם נאָר אין דעם אונטער טהייל זענין דאָך דיא קצבים נישט בקי אין דאָרט וויא עס איז נישטאָ אַ מנקר מומחה זאָל מען פרעגין דעם מורה הוראה וויא אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין מיט דעם חלק אחוריים פין דעם בן פקועה. דער חכם וועט איהם בודאי איין עצה געבּין.

## אזהרה ד׳

מען טאָר נישט אָב נאַרין דעם קונה ווען מען פערקויפט איהם בן פקועה פלייש אַז דאָס איז קעלבּערין פלייש שנאמר ולא תונו איש את עמיתו:

## אזהרה ה׳

דאָס פלייש וואָס עס בּלייבּט מוז מען פאַר דרייא מעת לעת פין דער שחיטה ווייקין אין אויב עס איז אַ גרעסערע טהייל פלייש אין עס קענן נישט אַריין אין דער ווייק כלי מוז מען עס ציהאַקין עס זאָל קענין אַריין אין ווייק כלי אין דאָס וואַססער זאָל איבּערגיין איבּער דעם פלייש אין דער שיעור פין דעם ווייקען איז בּיז דאָס פלייש זאָל ווייך ווערין.

בדיעבד, אַז עס בּלייבּט ווייטער דאָס פלייש מעג מען עס האַלטען נאָך אַ מאָהל דרייא טאָג פין דענו ווייקען וועהניגער אַ האַלבּע שעה.

## אזהרה ו׳

ווען דאָס פלייש איז געפרוירען מוז מען עס אַריין נעמין עטליכע שעה פאַרן ווייקען עס זאָל אויף גיין בּיז עס וועט ווייך ווערין. געפרוירען פלייש טאָר מען נישט ווייקען. מען זאָל נישט לייגען דאָס פלייש בּייא אַ הייסין אויוועין ווייל עס קענן זיך דער היטצען. גם ווען עס איז אַ פראָסט מוז מען עס לאָזין גוט אָבּרינען עס זאָל נישט געפרוירין ווערן מיטן וואַסער. דאָ דאַרף דיא בעלהבית׳טע אויך געוואָרינט זיין געפרוירען פלייש נישט צו ווייקען אין נישט צו זאַלצין בּיז עס וועט אויף גיין. אין דאָס ווייק וואַסער זאָל נישט זיין מיט קיין אייז.

## אזהרה ז׳

דאָס פעטס וואָס מען האָט עס שוין געווייקט דאַרף מען נזהר זיין מען זאָל עס נאָכן ווייקען נישט אַריין לייגען נאַסעהייט אין אַ כלי ווייל דיא טבע פין פעטס איז דאָס, עס זאַפט אין זיך אַריין דאָס וואַסער אין אַז מען וועט עס אַריין לייגען נאַסעהייט אין אַ כלי אַריין רינט אָב דאָס וואַססער. אין געוועהנטליך ליגט דאָס פעטס אין דער כלי מעהר וויא איין מעת לעת. ווערט דער אונטערשטער טהייל פין דעם פעטס כבוש. כבוש הייסט אַז עס ווייקט פלייש פאַרן זאַלצין אין וואַססער אַ מעת לעת ווערט עס טרפה איז אַ שאלה אויפן גאַנצין פעטס. ע״כ איז דיא עצה דערצי אַז מען זאָל עס אויפהענגען אָדער אַריין לייגען אין איין געלעכערטער כלי. דיא קנייטשען דאַרף מען צינעמין ביי דעם ווייקען.

דיא דינים הנ״ל דאַרפין דיא געגזערעס אויך וויסען.

## אזהרה ח׳

אַז עס געפאַלט דער דריטער מעת לעת אום שבת אָדער אום יו״ט דאַרף מען ווייקען ערב שבת אָדער ערב יו״ט אין דיא שעה ווערט גירעכינט פין דעם ווייקען. אין אַז עס געפאַלט יום ד׳ ערב יו״ט אָדער אַז מען פערגעסט ערב שבת אָדע ערב יו״ט צי ווייקען אין מען דערמאַנט זיך אום שבת אָדער אום יו״ט זאָל מען פרעגין אַ שאלה וויא אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין מיט דעם ווייקען.

## אזהרה ט׳

אַז מען ווייקט אַ קאָפּף דאַרף מען עפינען דאָס מויל אין אונטער הייבין דיא צינג דאָס וואַססער זאָל געהן איבער דער צינג. אין אַז מען האָט נאָך דיא געהירין נישט אַרויס גענומען זאָל מען זעהן דאָס וואַססער זאָל אַריין געהן אין דיא געהירין אַריין דורך דעם חוט השדרה וואָס געהט צים האַלז פין דיא געהירין.

## אזהרה י׳

ווען מען עפינט דעם קאָפּף אין עס געהט אַרויס וואַססער דאַרף מען פרעגין אַ שאלה. אום חודש תמוז איז גלייכער צו עפינען דעם קאָפּף פין אַ שאָף איידער מען האַקט זאָס פלייש. אין אַז מען פערקויפט דעם קאָפּף גאַנצערהייט צי איין עכו״ם מעג מען האָקען דאָס פלייש.

## אזהרה י״א

אַז מען זעהט אַז דיא בהמה אָדער דיא שאָף שאָקעלט אָדער שווינדעלט מיט דעם קאָפּף דאַרף מען פרעגין אַ שאלה ווייל מען דאַרף בודק זיין דיא געהירין.

## אזהרה י״ב

עגלים של עכו״ם אָדער קעלבליך פין דיא ירידים דאַרף וויססען פין דיא אַכט טאָג אַ יוד אַ ירא חטא ער זאָל אַליין האָבין גיזעהן ווען עס איז געבוירען געוואָרען. פין וועלכין טאָג ער זעהט עס ווערט גירעכינט דיא אַכט טאָג איין בעל עבירה איז נישט בעגלייבט. אין אַז עס ווייסט נישט קיינער זאָל מען מעלדין דעם שוחט.

## אזהרה י״ג

נאָך דער שחיטה פין דעם קעלביל טאָר מען דערמיט נישט וואַרפין אין נישט קאָפּין אין די ריפּין מפני כמה טעמים.

## אזהרה י״ד

אין דיא שטעדט וואָס עס איז נישטא אַ בעזונדערע יאַטקע אויף בשר טרפה זאָל על כל פנים זיין אַ עקסטרע טיש אויף בשר טרפה אדער איין אַבטיילונג מיט אַ גוטע מחיצה פין דעם בשר כשר אין מען זאָל האָבין איין עקסטרע קלאָטץ אויף דעם בשר טרפה.

## אזהרה ט״ו

אַז מען פערקויפט פלייש אין דער פרעמד אַריין דאַרף מען אָן זאָגין דעם קונה דיא שעה ווען מען דאַרף ווייקען בפרט אין דעם מעת לעת פין דעם דריטען טאָג דאַרף מען אַפילו אין שטאָדט אָנזאָגין כדי עס זאָל ח״ו נישט קומען צי קיין מכשול.

## אזהרה ט״ז

בעירות הקטנות וויא מען טרייבערט דיא גאַנצע מנוסע מיט די גראָבע קישקעס בעזאַמען דאַרף מען דאָס קישקי פעטס נישט טרייבערין. אָבער אין דיא גרויסע שטעדט וואָס מען נעמט אין שעכט יאַטקע דיא גראָבע קישקיס צי דיא וואָרשטין בלייבט דאָך דיא הויט צווישען דעם קישקי פעטס דאַרף

מען דיא הויט פין דעם פעטס אַרויס נעמין. ווען עס איז פערטריקענט איז גוט איינציוויקען אין וואַססער אין דיא בלוטיגע אָדערין אַרויס צי נעמין אָדער זייא צי שניידען.

## אזהרה י״ז

ווען אַ בהמה ווערט טרפה דאַרף מען פרעגין אַ שאלה אויף דער מילך וואָס מען האָט געמאָלקען קודם השחיטה אַ פאָר טאָג.

## אזהרה י״ח

בעירות שנהגו הקצבים לקלוף השומן שע״ג חלק האחוריים מבחוץ הן מבהמות והן מכבשים במקום שאין שם מנקר מומחה יש למנוע לאכול השומן הנ״ל. אין אַ טהייל שטעדט נעמין די קצבים אַראָב השומן פין דעם אונטער טהייל ובפרט ביא שעהפילעך נעמין זייא אַראָב דיא הייטליך מיט דעם פעטס מען רופט עס פאַלאָסי זייא זאָגין זייא האָבין גילערינט איש מפי איש דאָס גיהער אָבער נאָר צי איין מנקר מומחה וואָס ער האָט איין הורמנא אין איין כתב קבלה פין רבנים אַז ער קענן טרייבערין בשר אחוריים. דער מנקר מעג עס טרייבערין זאָל מען נאָר פערקויפען דיא מענטשין וואָס זייא נוטצען בשר אחוריים ע״י ניקור. אָבער צי דיא מענשין וואָס זייא זענין מדקדק אין זענין זיך מתנהג בדרכי החסידות ופרישות אין זיי ווילען נישט נוטצען קיין אונ-טערשטפלייש אַפילו ע״י ניקור טאָר מען זייא דאָס פעטס נישט פערקופען שנאמר לא תונו איש את עמיתו.

## אזהרה י״ט

מען זאָל געוואָרינט זיין ווען מען קאַרפט דיא שאָף כדי מען זאָל אַרויס זעהן דאָס פעטקייט זאָל מען ח״ו נישט מאַכין דעם קאָרב ביא דעם דרייטצענטען ביין אין איבער לייגען צים פריידיק. נאָר מען זאָל מאַכין דעם ערשטען קאָרב אויף דעם צוועלפטין ביין מעג מען שוין איבער לייגען דיא אַלע אונטערשטע קאַרבין צים פריידיק. נאָך דעם צוועלפטיין ביין צים אונטער טהייל הייסט דאָס פעטס פאַלאָסי גיהער עס שוין צי אַ מנקר מומחה.

## אזהרה כ׳

אַז מען שיקט כשר פלייש דורך איין גוי צי איין יוד דאַרף מען מאַכין איין חותם בתוך חותם אין איהם אויף שרייבען דיא שעה ווען מען זאָל עס ווייקען. אין ביי יעדער זאַך וואָס עס קענן קומען צי איין טעות עס זאָל דער

פין אַרויס קומען איין צד אכילת איסור ח"ו דאַרף מען מודיע זיין דורך איין מכתב שע"ז נאמר יביא במשפט על כל נעלם)

## אזהרה כ"א

דאָס פלייש וואָס עס איז פערלאָפין מיט פערגליוועיט בלוט דאַרף מען דאָס בלוט אויס שניידען פאַר דעם זאַלצין אין דאָס אָרט פין דער שחיטה אָב צי שיילען פין דעם בלוט וואָס עס איז דאָרט פערגליוועיט געוואָרען בשעת שחיטה אין גוט אָב שווענקין דיא ערטער מיט דעם ווייק וואַססער אין אַז מען צי שנייד דאָס פלייש נאָך דעם ווייקען דאַרף מען עס פאַר דעם זאַלצין נאָך אבגעסעל איינווייקען אין גוט אָב שווענקין אין אַז דאָס פלייש ווייקט פירנ-צוואַנציג שעה דאַרף מען פרעגין אַ שאלה אויף דעם פלייש אין אויף דער ווייק כלי.

## אזהרה כ"ב

ווען מען קען נישט גוט אַרויס נעמין דעם אָדער פין דער צינג אָדער פין דער מילץ זאָל מען נעמין אַ לייווינט טיכעל צווישען דיא פינגער וועט זיך דער אָדער נישט אַראָב גליטשען.

## אזהרה כ"ג

דיא בהמה וואָס מען האָט געקויפט פאַר שבת טאָר מען נישט שיקען אַ גוי ער זאָל זיא ברענגין פין דעם דאָרף וואָס עס איז חוץ לתחום אין שטאָדט אַריין אום שבת.

## אזהרה כ"ד

דגא כבשים וואָס האָבין אַ שחין אָדער אַ מין נגע טאָר מען זייא נישט שעכטין ביז דיא מכה וועט פאַרהיילט ווערין, דחמירא סכנתא מאיסורא.

---

אודה לד' אשר עזרנו עד כה לגמור את אשר החלותי ומובטחנו באחינו בני ישראל העוסקים בענינים האלו שישימו דברי אלה על לבבם הן במלאכת הניקור והן באזהרות ויעשו הכל בכשרות עצהיו"ט. ובזכות זה נזכה שירחם ד' את עמו ויגאלנו ב"ב אמן.

# מראה מקומות

**סעיף א׳ ב׳ ג׳** עי׳ בטור בסדר ניקור של בעל העיטור וביו״ד סי׳ ס״ה סעי׳ א׳ וסעי׳ ב׳.

**סעיף ד׳ ה׳.** יו״ד סי׳ כ״ד סעי׳ י״ג ומה שכתבתי לענין שומן הפאכווי עי׳ בשו״ת בית שלמה.

**סעיף ו׳.** לחם הפנים סי׳ ס״ה ס״ק א׳ וס״ק ב׳.

**סעיף ז׳ ח׳** יו״ד סי׳ ע״ב עי׳ בספר תיקון עולם מהרה״ג ראב״ד מהורבשוב.

**סעיף ט׳** יו״ד סי׳ ס״ד סעי׳ י״ב.

**סעיף י׳** יו״ד סי׳ ע״ג עי׳ בספר תיקון עולם.

**סעיף י״א י״ב י״ג י״ד ט״ו ט״ז,** יו״ד סי׳ ס״ד.

**סעיף י״ז.** יו״ד סי׳ ע״ה סעי׳ ג׳ ועי׳ בספר זבח שמואל בסדר ניקור שהזהיר למנקרי הכנתא לחתכן לאותן הגידין.

**סעיף י״ח י״ט כ׳ כ״א.** יו״ד סי׳ ס״ד סעי׳ ט״ו. עי׳ בשו״ת ברית אברהם בחלק יו״ד סי׳ כ״ח.

**סעיף כ״ב כ״ג כ״ד כ״ה.** יו״ד סי׳ ס״ה וסי׳ צ׳ ועי׳ בספר בית יצחק בדיני ניקור מחלק אחורים בעמודי זהב אות ז׳ ובספר זבח שמואל בסדר ניקור של אחורים.

**סעיף כ״ו.** עי׳ מרדכי פרק גיד הנשה בשם ספר יראים.

**סעיף כ״ז.** יו״ד סי׳ ע״א.

# מראה מקומות מאזהרות

**אזהרה א׳ ב׳.** מהרי״ל הלכות היתר ואיסור ועי׳ ביו״ד סי׳ ס״ד בש״ך ס״ק י׳ הלשון וכולן דומות זו לזו. ועי׳ בלחם הפנים סי׳ ס״ד ס״ק ו׳ אשר העתיק מקונטרס מהגאון בעל הסמ״ע ז״ל ועי׳ בספר בית יצחק ובספר זבח שמואל ובספר טהרת אהרן.

**אזהרה ג׳ ד׳.** טעם שני אזהרות אלו מבואר בפנים.

**אזהרה ה׳.** יו״ד סי׳ ס״ט סעי׳ י״ב וי״ג.

**אזהרה ו׳ ז׳ ח׳.** עי׳ בפרי מגדים בסי׳ ס״ט בשפתי דעת ס״ק נ״ג.

**אזהרה ט׳.** טעם אזהרה זו מבואר בפנים.

**אזהרה י׳.** יו״ד סי׳ ל״ז.

**אזהרה י״א.** שאלת חכם.

**אזהרד י״ב.** שייך להשו״ב.

**אזהרה י״ג.** המשכיל יבין.

**אזהרה י״ד.** עי׳ בקונטרס מהגאון בעל הסמ״ע ז״ל.

**אזהרה ט״ו ט״ז י״ז.** הטעם שלא לבוא לידי מכשול.

**אזהרה י״ח יט.** עי׳ בספר תיקון עולם.

**אזהרה כ׳.** מסכת חגיגה ה׳ ע״א.

**אזהרה כ״א.** יו״ד סי׳ ט״ז סעי׳ ד׳.

**אזהרה כ״ב.** ספרי ניקור.

**אזהרה כ״ג.** עי׳ באו״ח סי׳ רמ״ז.

**אזהרה כ״ד.** עי׳ ביו״ד סי׳ קט״ז בבאר היטב ס״ק ח׳ מה שכתב בשם רש״ל ז״ל.